# אפגעהיטענע עסן

## ליקוט הלכות מדברי הפוסקים

**בשר שנתעלם מן העין:**

אין שו"ע יורה דעה סימן ס"ג ווערט ערקלערט דער איסור פון בשר שנתעלם מן העין, דאס מיינט אז מען לאזט איבער פלייש אויף א פלאץ אהן א קלארע סימן, (אפי' אין א אייגענע הויז), און מען האלט נישט קיין אויג אויף דעם די גאנצע צייט, און מי'געפונט דאס נישט אויפן זעלבן פלאץ ווי מי'האט דאס איבערגעלאזט, און מי'ווייסט נישט ווער סי'האט דאס אהין געלייגט, ווערט דער פלייש אסור (לשי' רמ"א), אפילו ווען עס געפונט זיך נישט קיין גוי אויף דעם ארט, און סי'ליגט אויף א פלאץ וואס א שרץ אדער פייגל וואס געפונען זיך אין יענעם געגנט וואלטן געקענט צוקומען און דאס טוישן מיט א אנדערע שטיקל, און אפי' ווען דער איד איז נישט ארויס פון דעם פלאץ, ווייל עס קען זיין אז דאס איז נישט די זעלבע פלייש וואס מען האט געהאט פריער נאר סי'איז אויפגעטוישט געווארן מיט

> **אין שולחן ערוך ווערט דערמאנט פארשידענע היתירים איבער שיקן זאכן דורך א גוי, אדער איבערלאזן א גוי אליין אין שטוב, אבער ס'איז זייער וויכטיג צו וויסן אז יעדע היתר פאר זיך, האט פארשידענע פרטים און איינצעלהייטן, וואס אויף דעם איז דער היתר געבויט, ממילא זענען די היתרים שטארק באגרעניצט, און מיט איין קליינע שינוי קען אוועקפאלן דער גאנצער היתר, אויך ווען מ'פארזיגלט דאס עסן, ברויך מען וויסן אויב עפ"י הלכה הייסט דאס פארזיגלט (א הכשר פון א רב אדער א סטיקער הייסט נישט פארזיגלט, אויך ווען די בלאמבעס אדער זיגל ליגט אנגעגרייט אויף א פלאץ וואס דער גוי קען צוקומען דערצו און נאכמאכן איז דאס נישט קיין זיגל** (ועי' חכמת אדם כלל ע' אות א בזה)**, ווענן דעם איז נישט ריכטיג אז יעדער יחיד זאל נוצן די היתירים, נאר ביי יעדער פאל באזונדער, ברויך איבערגעשמועסט ווערן מיט א מורה הוראה וואס האט גוט דורכגעלערנט די הלכה מיט די פוסקים הונדערט פראצענט, אז ס'איז אויסגעהאלטן.**

טריפה פלייש

און ווער סיהאט א ביסל יראת שמים זאל אכטונג געבן נישט אריינצונעמען אין מויל, דאס וואס מ'ווייסט נישט פאר זיכער אז ס'איז נישט דא דערויף קיין שאלה, (תשו' דברי יואל נ"ה)

און כדי מ'זאל האבן א אהנונג איבער וואס סיהאנדלט זיך דא, ברענגען מיר אראפ בקיצור, די הויפט זאכן וואס מ'דארף צו וויסן אויף צו פרעגן א שאלה, מיר האבן זיך נישט אפגעהאלטן פון ברענגען אויך שיטות וואס זענען מחמיר מער ווי אנדערע פוסקים אויף געוויסע הלכותו, ווייל אונזער ציהל איז דא נאר צו ווייזן די הארבקייט פון די ענינים לויט די גדולי הפוסקים, פאר די אידן וואס זענען מהדר און מדקדק און ווילן יוצא זיין לויט אלע שיטות, בפרט א אדם חשוב ווי סי'זאגט דער דברי יוסף (אירנאס, סי' מ"ה) זאל מחמיר זיין מער ווי דער דין, כדי מ'זאל זיך נישט פון איהם אפלערנען מיקל צו זיין (ועי' בזה בברכ"י חו"מ טו אות כג)

דער תשובות והנהגות (ב-שעט) זאגט א עצה אז מ'זאל שטענדיג האבן א חותם און זיך נישט פארלאזן אויף קיין שום היתר.

נאך איז וויכטיג צו וויסן ביי די אלע זאכן וואס זענען נאר מותר בדיעבד, הייסט דאס ווען סיהאט זיך געמאכט נאר איינמאהל (ר"ן נדרים מ"ו), אבער מער ווי דעם איז דאס שוין אסור אפי' בדיעבד, (מהרי"ק שורש לט).

דער סמ"ק (רכ"ג) שרייבט אז כאטש עס איז דא טעמים אויף דעם איסור וואס זענען שוין נישט נוהג יעצט אבער מען קען נישט מיקל זיין ווייל דאס איז נאסר געווארן במנין

דער ערוך השלחן (קט"ו ה) שרייבט פייערדיגע רייד בנוגע מ'זאל נישט מיקל זיין אין די איסורים, און דאס וואס ווערט גיפסקנט אין שו"ע און דורך גדולי אחרונים לאיסור ווער קען מעיז זיין קעגען זיי, נאך שרייבט ער אז ער האט בקבלה אויף אלע גזירת חכמים אז אויסער די באוואוסטע טעמים איז דא נאך אסאך טעמים כמוסים

באמת וואלט מען געדארפט אסאך מער מאריך זיין אין די פארצווייגטע הלכות, יעצט אבער האבן מיר מקצר געווען נישט מיד צו מאכן די ליינערס, וואס ווילן נישט קיין אריכות, אבער די הוספות זענען לויטן פארלאנג.

**קי"ח סעיף א-ב:**

### שיקען מיט א גוי

א) ווען מען שיקט מיט א גוי אדער ישראל חשוד (דאס מיינט א איד וואס מיקען איהם לויט די הלכה נישט געטרויען) ברויט פיש פלייש מילך קעז און ווין דארפען די מאכלים האבין חותמות (סיזאל זיין פארזיגלט).

ב) אויב מען קען נישט דערקענען די חותמות, נאכדעם וואס מיהאט דאס איבערגעגעבן פארן גוי, ווייל זיי זענען צובראכן אדי"ג, און מידערקענט אז דאס איז געטאן געווארן דירעקט דורך א מענטש (ש"ך עפ"י רמ"א סי' קי"ל-ח), זענען די מאכלים אסור, דער רמ"א איז אבער מתיר בתנאי אז דער וואס האט געשיקט די מאכלים קוקט איבער די מאכלים, און ער זעהט אז דער מאכל איז פונקט אזוי גוט ווי דאס וואס ער האט געשיקט, און דער שליח וואלט גארנישט הנאה געהאט פון טוישען (וואס איז כמעט נישט במציאות, זעה ווייטער), דעמאלטס אפי' דער חותם איז קאליע געווארן איז דאס מותר (אויב נישט איז עס אסור.)

ג) אבער אויב דער גוי קען הנאה האבן פון טוישן דאס מאכל פונים איד אויף א טריפה'נע מאכל, איז דאס אסור אפילו ווען מ'דערקענט אז ס'איז די זעלבע גוט ווי דער מאכל וואס ער האט מיט אים געשיקט.

**נהנה**

הנאה האבן פון טוישן קען זיין אויף פארשידענע אופנים צב"ש, 1) דעם אידיס מאכל איז פרישער, 2) א בעסערע סארט (כאטש סיזעהט אויס די זעלבע), צב"ש דעם אידיס פלייש איז פון א יונגערע אדער פעטערע פלייש, און דער גוי טוישט דאס מיט פלייש פון א עלטערע אדער מאגערע פלייש, וואס פון אויבן אויף דערקענט מען נישט דעם חילוק, נאר ווען דער איד שיקט פלייש אדי"ג וואס סי'איז נישט פארהאן ערגערס פון דעם וואס זאל אויסזעהן די זעלבע ווי די פלייש, דאן הייסט אז דער גוי איז נישט נהנה בחליפין (פרי תאר), 3) אינמיטן וועג קען זיין אז דעם גוי פארגלוסט זיך דער מאכל, און אויב ער קען נישט דארט באקומען דאס צו קויפן גרינגערהייט, טראכט ער אז ער וועט דאס אויפעסן, און שפעטער צוריקקויפן א אנדערע (חכ"צ לט), 4) אפילו ער האט אויך פונים דעם זעלבען מאכל, אבער סי'ליגט פארפאקט אונטער אנדערע פעקלעך און סי'איז אים א טירחה אויסצופאקן אינמיטן וועג, איז איהם גרינגער צו נעמען פון דעם אידיס מאכל וואס ליגט פון אויבן, און שפעטער ווען ער וועט אלעס אויספאקן וועט ער צוריק לייגן אין דעם אידיס פעקל לויט וואס ער האט גענומען (שם בחכ"צ, וכ"ה במהרי"ט ח"ב ג), 5) אפילו ווען דער גוי האט נאר א קליינע הנאה זענען דער בית שלמה (יו"ד קפ"ח) און תשו' רב"ז (שפראן, סי' כב-כב) מחמיר, און דער גנת ורדים (יו"ד כלל א יט) איז מיקל דארט ווי סילוינט זיך נישט פארן גוי די טירחא, 6) דער מקור ישראל (בורלא, יו"ד-ב) ברענגט פון מהרי"ט אלגאזי מחמיר צו זיין אפילו ווען סי'איז א ספק צו דער גוי האט א הנאה פון טוישן

ד) אין די פלעצער ווי גוים ציטערן נישט פאר אידן, און פאר א קליינע הנאה זענען זיי גרייט זיך מטריח צו זיין, און זיך ביליג מאכן, (און בפרט דארט ווי א איד האט מורא צו זאגן אז דער גוי האט ג'אסרט זיין מאכל) טאר מען זיי דאס נישט איבערגעבן אן א חותם, און דער איד זאל נאכדעם נאכקוקן אויב דער חותם איז גאנץ (פרי תאר)

ה) דער היתר פון לא נהנה בחליפין איז נאר ווען סי'איז

---

### רבנים פארציילען

דער ספר כשרות והכשרים בהלכה ברענגט אז מען האט געטראפען א אראבער וואס ער האט נאך געמאכט די אידישע סימבאל און פארקויפט אהן א שיעור זאכען בתורת כשר

**בארא פארק...** פרייטיג צו נאכטס אין א שיינע שמחה זאל אין עס שמעקט זיך פון א פארברענטע געקעכץ גרוך פון קאך, קיינער זארגט זיך נישט נאר די וועיטער'ס, צומארגענ'ס איז די גאנצע עסען אויך די טשאלענט בסדר מיטען בעסטען געשמאק לכבוד שבת קודש ממש א נחת דערוועקט זיך ר' פלוני שפעטער וואס איז דא געשעהן מיט דעם ריח וואס מען האט פרייטיג צונאכטס געשמעקט פון פארברענטע מאכלים, ווערט ער פלוצים געוואהר אז דער גוי וואס ארבעט און קאך איז געגאנגאנגען נעמען שבת צופרי פרישע פלייש אין אריינגעלייגט אין טאפ און געמאכט א פרישע גוטע טשאלענט לכבוד שבת, נו! קען דען זיין א בעסערע טשאלענט ממש פריש אפילו נישט איבער גענעכטיגט (ע"י אחד מרבני התאחדות הרבנים)

**בני ברק** ..פלוצים א טומעל איז די ישיבה מה יום מיומים? וואס איז געשעהן מען כשר'ט די קאך, איז יעצט ערב פסח ? ניין, מען איז געוואהר געווארן דער גוי אין קאך האט זיך געקאכט א איי אין די כשר'ע פענדעל פון די ישיבה. נו! זאל מען כשר'ען נאר דעם פענדעל וואס דארף מען כשר'ען דעם גאנצען קאך וועגען איין איי? ניין, פארשטייסט נישט דאס פלעג ער טוען יעדען טאג נו! זאל מען נאר כשר'ען די גאנצע מילכיגע זייט? אמת! נאר ווייבאלד מיר האבען יעצט אנגעפאנגען נאך צוגיין דעם גוי זענען מיר געוואהר געווארען אז ער האט נישט געלערנט הלכות בשר וחלב ער האט אסאך מאהל גענוצט מילך מיט פליישיגע כלים אין פלייש מיט מילכיגע כלים מיט נאך מבשולות, (פסקי הרב לאנדא).

**ווילאמסבורג** א איד טעלעפאנירט אהן די התאחדות הרבנים מיט א שאלה היות ער איז געוואהר געווארען אז עס איז כמעט נישט בנמצא א ערליכער שומר שבת וועטער דא אין ווילאמסבורג, און די עסען ווערט דעליווערט צום זאל אפאהר שעה פאר שבת מיט גוים, און אנדערע גוים וועטערס געבען אכטונג אויף די מאכלים א גאנצן שבת, אויך בשעת'ען דאווענען ווען עס געפינט זיך נישט דארט קיין שום איד, מעג מען עסען די מאכלים! ענטפערן זיי אלע א קלארע ניין נו! וואו קען זיין אז עס גייט אזוינס פאהר! אהקע! מיר ווען דאס דורך רעדן מיט די רבנים (התאחדות הרבנים)

געווען א חותם און ס'איז צובראכן געווארן, אבער אויב ס'איז פון אנפאנג נישט געווען קיין חותם, איז מען חושש אפילו ווען ער האט נישט קיין הנאה פון טוישן, (דברי יוסף סי' ג, קנאוויץ, חתן הרידב"ז)

ו) אין שולחן ערוך ווערט געברענגט דער היתר פון לא נהנה בחליפין, אבער דער מהרי"ט (ח"ב-ג) און שערי דעה (קיח י) זענען מחמיר אפילו דארט ווי דער גוי האט נישט הנאה פון טוישן, אויב ער קען דאס טוהן אן קיין טירחא, אויך דער פרח מטה אהרן (ח"ב י"ג) איז מחמיר אז ס'זאל נישט העלפן דאס וואס די גוי האט נישט הנאה פון טוישן, נאר ווען מ'לאזט איבער דעם גוי אין א שטוב פון א איד, אבער ווען מען שיקט מיט א גוי עסען דארף מען חושש זיין ער וועט טוישען די מאכלים אפילו ווען ער האט נישט הנאה, דער ישועות יעקב (קיד-א) איז חושש ביי א דאורייתא, דער צמח צדק (או"ח נה) איז חושש אז מ'זאל כאטש האבן איין חותם, אין כף החיים (קיח-קיא) און אין שדי חמד ווערט געברענגט א סאך פוסקים וואס זענען חושש אויף די שיטה פון מהרי"ט

ז) דער כנה"ג (ס"ק ז') שרייבט אפי' ווען מען גיט דעם גוי רשות צו נעמען וויפיל ער וויל דארף מען חושש זיין אז ער האט געטוישט די מאכלים

ח) דער ערוך השלחן שרייבט דווקא ווען דער גוי האט מורא טוישט ער נישט ווען ער האט נישט קיין הנאה.

ט) ביי א געשעפט מאן (סטאר קיפער) קען זיך מאכן אז ער האט נישט גענוג סחורה, צופארקויפן נעמט ער פון דעם איד'ס סחורה וואס ליגט ביי אים, טראכטנדיג אז ער וועט שפעטער באצאלן, מיט זיין סחורה, און דער איד וועט נישט וויסן אז דאס איז דעם גויס, דאס הייסט אויך נהנה בחליפין (מחצית השקל או"ח תקי"ז סק"ג)

י) אפי' ווען דער גוי האט געגנב'עט די מאכלים איז דאס אסור, און איך זאג נישט אז ווייל ער קלערט דאס נישט צוריק צו געבן האט ער דאס נישט אויפגעטוישט, (ברכה מציון יו"ד טו אות ד).

יא) אפי' ווען דער גוי האט שאדען מיטן אויפטוישען דאס עסען טאר מען נישט שיקן לכתחלה דורך אים, און דער גאנצער היתר פון לא נהנה בחליפין איז נאר בדיעבד, (תשוי רשב"א תשס"א)

**חותמות:**

צוויי חותמות קען מיינען אויך צוויי קניפן, אבער דער פרי תאר ברענגט א ראב"ד, אז דאס איז נאר ווען ער באהאלט ביים גוי, און ער אליין קוקט דאס דערנאך איבער, אבער ווען ער שיקט מיטן גוי פאר א צווייטן מוז דאס זיין א א פאכמאנישע קניפ, אדער געשריבן מיט אותיות אויף א וועג אז דער גוי זאל דאס נישט קענען גרינג נאכמאכן

ב) דער בנימין זאב (סימן שנג) שרייבט אז איין חותם העלפט נאר ווען דער וואס האט געשיקט די מאכלים וועט צוריק קומען זעהן דעם חותם.

א חותם וואס מ'זעהט אז מ'האט געקענט פעלשן קען מען דאס מער נישט נוצן (רשב"א א-קט).

געדרוקטע הכשרים קען מען נישט נוצן (מנחת דוד א-קיז, ב-ד ה ו).

צוויי זעלבע חותמות איז דא פוסקים אז ס'העלפט נישט (נוב"י מה"ת יו"ד עא, ועי' בדרכי תשובה, ובזכרון יודא ב-ה, מנח"י ב-לה אופני היתר).

**קי"ח סעיף ז:**

## מעבר רבים

מ'טאר נישט שיקן לכתחלה מיט א גוי אפילו ער גייט די גאנצע צייט נאר אויף א פלאץ ווי ס'איז דא א סאך מענטשן, און מיר זאגן נישט אז ער האט מורא צו טוישן, בדיעבד איז דאס מותר אויף אזא פאל, אבער טאמער איז דאס אויף א אופן אז ער קען זיך פארענטפערן אויב מ'וועט אים כאפן, איז דאס אסור אפילו בדיעבד , (שבו"י יו"ד ח"ג סי' ע"ד)

ב) אין מבי"ט (רח) ווערט געברענגט א דוגמא ווען דער גוי פארט מיט א וואגן וואס ער קען דאס דארט טוישן, אהן דעם וואס מ'זאל דאס באמערקן, הייסט דאס שוין נישט קיין מקום מעבר לרבים, מ'קען זיך נישט באנוצן מיט דעם היתר פון מעבר לרבים, נאר טאמער דער גוי האט נישט געהאט קיין געלעגנהייט דאס צו טוישן, און נישט ביי א ווייטע וועג (מהרש"ם ו-נה, ברכת משה-ד, שד"ח מע' חומ"צ יא-י), און נישט אויב ער נעכטיגט איבער (פרי תאר סק"י)., אויך נישט אין די פארטאגס שעה'ן (טוטו"ד מהדו"ג ב-א).

ג) דאס וואס ס'העלפט מעבר לרבים אהן קיין חותם איז נישט קיין לכתחלה נאר א דיעבד (שו"ע רשב"א תשס"א, תורת חסד יז, ירך יעקב יו"ד כד), און אפילו מיט א גוי וואס איז זיין קנעכט אדער באדינער, (פר"ח סקכ"ו לחם הפנים סקכ"ז), ואף להמקילין בעבדו הוא רק אם בשביל כך מירתת ביותר וזה תלוי במציאות, (ועי' ערוה"ש קיח-כו, ובגינת ורדים יו"ד כלל א יט).

ד) אפילו בדיעבד איז א מדת חסידות חושש צו זיין לשיטת רבינו יונה נישט צו עסן קיין מאכל וואס איז געשיקט געווארן דורך א גוי אהן קיין חותם, אפילו ביי א מעבר לרבים, (יוסף אומץ לחיד"א כ"ב).

ה) דער תשו' פני יהושע (כ"ו) שרייבט ביינאכט העלפט נישט וואס מענטשען דרייען זיך (מעבר לרבים).

ו) און אפילו לויט די הלכה אז ס'העלפט מעבר לרבים אן קיין חותם לערנען די פוסקים אז ס'מוז זיין א פארמאכטע פלעשל אד"ג, נישט קיין אפענע זאך, (יו"ד קכט-ד שבו"י ח"ג ע"ד).

ז) דער ענין פון מעבר לרבים איז נאר ווען א איד שיקט א מאכל צו א איד, אבער נישט ווען ער שיקט דעם גוי קויפן עפעס, וואס מ'קען אויך קויפן ביי א גוי (טוטו"ד מהדו"ג ב-א).

**קי"ח סעיף י':**

## א גוי אין שטוב

אויב איינער לאזט איבער א גוי אין שטוב, און עס איז דא דארט מאכלים וואס דער גוי קען עס טוישען מיט א מאכל וואס איז אסור מן התורה, טאמער איז דער איד א יוצא ונכנס כסדר, (ער דרייט זיך דארט אריין און ארויס די גאנצע צייט), אדער טאמער האט ער נישט געזאגט פארן גוי אז ער גייט אוועק אויף א לענגערע צייט , און מ'ווייסט נישט זיכער אז דער גוי האט פארשלאסען די טיר, איז דאס מותר, (ווייל וויבאלד דער גוי ווייסט אז ער קומט צוריק, האט ער מורא צו טוישן)

ח) נאר ווען דער איד וועט צוריק קומען איז מותר ווען ער איז נישט נהנה, ווייל דארט האבין די חכמים נישט געמאכט די גזירה אבער אויף אנדערע פלעצער קען מען נישט מיקל זיין (דברי יוסף ס"ח)

דער ש"ך (ס"ק לב) און דער רמ"א (קכט-א) זאגן אז אוועק גיין א לענגערע צייט אפילו מ'האט דאס נישט געזאגט פארן גוי איז נאר מותר בדיעבד

**קי"ח סעיף י"ב:**

## גיין אין שוהל

א) מען דארף מחמיר זיין נישט איבערלאזען די טעפ מיט עסען מיט די גויאישע דינסטן, אהן א איד וואס איז יוצא ונכנס, אבער אויב מ'גייט אוועק אויף א שטיק צייט, (למשל אין שוהל צום דאווענען, אפילו מ'האט נישט געזאגט פארן גוי אז מ'גייט אוועק אויף א שטיק צייט, וואס מעיקר הדין וואלט דאס געווען מותר), אויף דעם זאגט דער ראי"ש נכון לירא שמים להחמיר, ווייל עס איז שוין געשען אסאך מאהל קלקולים (עי' ש"ך לז)

דער טעם (פונעם ראי"ש) איז, וויבאלד די שפחה עסט אויך פון דעם מאכל, ווייל זי אז איהר עסען זאל זיין בעסער און דערפאר לייגט זי אריין אסור'דיקע מאכלים אין דעם געקעכטס, צוליב דעם זאל מען נישט איבערלאזען די טעפ מיט גוים ווען מעו גייט אין שול אדער ווען מען איז אוועק א לענגערע צייט

נאך א טעם, ווייל ס'קען זיין אז די גויה וועט אריינלייגען א איסור אין די טעפ כדי די עסען זאל זיין מער געשמאק, מ'זאל איהר צוליב דעם רוהמען (כנה"ג)

ב) טאמער האט מען איבערגעלאזט א גוי אליינס אהן א יוצא ונכנס, (ד"מ א איד וואס דרייט זיך דארט), זאל מען נישט נוצען די טעפ א מעת לעת (24 שעה)

ג) טאמער איינער שלאפט א געהעריגע שלאף אזוי ווי למשל ביינאכט, אין א צווייטע צימער, וואס דער איד קען נישט פון דארט זעהן דעם פלאץ ווי די טאפ ליגט, איז דאס אזוי ווי עס איז בכלל נישט דא קיין איד דארט, און אודאי אויב דאס איז א זאך וואס דער גוי קען הנאה האבן פון טוישן, איז דאס אסור (רב פעלים ח"ג יו"ד סי' י)

**קכ"ב- סעיף ט:**

## די כלים

א) טאמער א גוי געפונט זיך אליינס אין א אידישע שטוב, און ער ווייסט אז דער איד וועט זיך פארזוימען א שטיק צייט, מוז מען כשר'ען אלע טעפ וואס זענען נישט געווען פארשפארט אפי' זיי זענען געווען ליידיקע, ווייל מיר האבן מורא אז דער גוי האט זיך באנוצט דערמיט, לויטן מחבר מעג מען נוצן דעם טאפ נאך 24 שעה, אבער דער ט"ז זאגט טאמער עס איז במזיד מוז מען כשר'ען און כלי חרס דארף מען ארויס ווארפען, און לכתחלה זאל מען נישט לאזן דעם גוי אליין נאר טאמער מ'איז יוצא ונכנס

ב) טאמער גיט מען פאר א גוי אדער א גויטע א טאפ שמוציגער הייט אדער מיט עסען דערין און מען באקומט עס צוריק אויסגעוואשען דארף מען אויך כשר'ען די טאפ (עי' שו"ע קלו א), וועגן דעם זאל מען נישט איבערלאזן א גויעטע אליין אין שטוב נאר אויב דער פרידשזידער מיט אלע מאכלים אין כלים זענען גוט פארשפארט, אויב מ'האט אויף דעם עובר געווען מוז מען פרעגן א שאלה, (עי' תשובות והנהגות ח"א תפ"ו)

**לעיקוואד...**גייט א איד אין קאך פון א זאל פרייטיג צונאכטס זעהט ער גוים ארבעטען דארטען ארום אין קאך פרעגט ער די קעכערטע וואס גייט דא פאהר? ענטפערט זי איך שטאם פון א חשובע שטוב איך ווייס אלעס, און אלעס איז גוט, דער איד זארגט זיך ווייטער אין שבת צופרי גייט ער נאך אמאהל קוקען וואס עס טוהט זיך אין קאך, זעהט ער וואו די גוים קאכען דארט די מאכלים, גייט ער פרעגען דעם דיין וואס איז די הלכה? זאגט ער איהם מען טאר נישט עסען די מאכלים, גייט ער צוריק זאגען פאר די קעכערטע וואס דער דיין האט געפסקנ'ט זאגט זי אז זי ווייסט דאס אויכעט, מען האט נישט געדארפט פרעגען די דיינים (מא' מרבנים)

**מאנסי** קומט א קעטערער צו א רב ער האט א שמחה צו קעטערן ביים רב אין ביהמ"ד דעם קומענדיקען שבת, זאגט עם דער רב פאר ביי מיר אין ביהמ"ד לאז איך נישט נוצען די געהעריגע וואסער קעסעל, איך האב א ספעצליע שבת קעסעל אהן קיין שאלות. אה קעה! נישט קיין פראבלעם פרעגט דער רב, אבער איהר האט דא איבער 50 קאפלעך וועט זיך דאך אויסנוצען די געקאכטע וואסער פרייטיג צונאכט'ס וואס וועט זיין שבת צופרי? נישט קיין פראבלעם! איך וועל טוען אזוי וואו יעדען שבת דער גוי פילט אהן שבתצופרי דעם קעסיל נאך אמאהל. זאגט דער רב , אזוינס! איך לאז אייך נישט קומען צו מיר אין ביהמ"ד וואו לאנג איך וועל נישט איבער קוקען אלעס וועלעבע היתרים נאך איהר נרצט צו קאכען וכדו' (מא' מרבני מאנסי).

**מאנרא** דעם חוה"מ פסח רופט איינער צום דיין מען האט דערליווערט צו איהם פיש אהן סימנים און האט דאס געקאכט מיט אנדערע פיש וואס דארף מען יעצט טוען? דיינים הייסען כשר'ען דעם טאפ זאגנדיג אז דאס איז דער בפירוש'ער איסור וואס די חכמים האבין געאסערט בשר שנתעלם מן העין (דומ"ץ במאנסי)

**סיגעיט...**אין א זאל פלאץ פאלט אריין פרייטיג צונאכט'ס א דעקל פון א מייאנעיז אין א טאפ זיפ נעמט עס די גויטע ארויס דעם דעקל לייגט (פארמאכט) עס צוריק דעם מייאנעיז פושקע מיט די זופ וואס טראפט, אויף שלש סעודות מאכט מען מיט דעם מייאנעיז די טונא סאלאט.

